**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/29/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול האלט אפ זיצונג איבער לאנד'ס-פירנדע פארשלאג צו האלטן קינדער זיכער אויף די אינטערנעט**

***פארשלאג וועט העלפן באשיצן קינדער פון לאקערנדע פארשוינען, שווינדלער און שעדליכע AI 'טשעט באַטס' אויף אינטערנעט פלאטפארמעס***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס לאנד'ס-פירנדע ארבעט צו איינפירן סאָושעל מידיע ווארענונג לעיבעלס, באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט אלגאריטמען, אוועקשטעלן שוץ מאסנאמען קעגן שעדליכע AI מאדעלן וואס זענען געמאכט צו באפריינדן מענטשן און באגרעניצן סמארטפאונס אין שולעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אפגעהאלטן א זיצונג מיט עלטערן פון Common Sense Media צו איבערשמועסן איר לאנד'ס-פירנדע פארשלאג צו באשיצן קינדער און צענערלינגען אויף די אינטערנעט. די גאווערנער'ס פארשלאג וועט העלפן באשיצן קינדער פון לאקערנדע פארשוינען, שווינדלער און שעדליכע AI 'טשעט באַטס' אויף אינטערנעט פלאטפארמעס. די פארשלאג בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul'ס (האקול) לאנד'ס-פירנדע ארבעט צו איינפירן סאָושעל מידיע ווארענונג לעיבעלס, באגרעניצן אדיקטיווע אינהאלט אלגאריטמען, אוועקשטעלן שוץ מאסנאמען קעגן שעדליכע AI מאדעלן וואס זענען געמאכט צו באפריינדן מענטשן און באגרעניצן סמארטפאונס אין שולעס.

"מיט אנטוויקלנדע טעכנאלאגיע און אינטערנעט פלאטפארמעס ערלויבנדיג מענטשן זיך צו פארבינדן פון סיי וואו אין די וועלט, איז דאס וויכטיגער יעצט מער פון סיי ווען בעפאר צו האלטן אונזערע קינדער זיכער אויף די אינטערנעט פון סיי וועלכע און אלע פאטענציאלע סכנות", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די שכל'דיגע פארשלאג וועט נישט נאר באשיצן אונזערע קינדער אויף די אינטערנעט, נאר עס וועט אויך גיבן עלטערן א רואיגע געוויסן בשעת זייערע קינדער שפילן זיך און מישן אריבער אינהאלט אויף סאָושעל מידיע."

**Common Sense Media סיניאר דירעקטארין פון שתדלנות קאמפיינען, Liz Foley (ליז פאָולי), האט געזאגט,** "Common Sense Media באדאנקט גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו פארשטערקערן שוץ מאסנאמען פאר קינדער אויף די אינטערנעט אין ניו יארק. איין נייעס קעפל נאך די אנדערע האבן אונז געוויזן אז אונזערע קינדער'ס באליבטע שפילערייען און סאָושעל מידיע וועבזייטלעך זענען געווארן פלעצער פאר בייזוויליגע פארשוינען צו לאקערן. דאס איבערבייטערן די פעסטשטעלונג פון עלטער, זיכער מאכן אויטאמאטישע פריוואטקייט, באשיצן קינדער פון אומזיכערע AI 'טשעט באַטס' און גיבן עלטערן מער כלים צו האלטן זייערע קינדער זיכער זענען די שוץ מאסנאמען וואס פאמיליעס דארפן און קומען זיך. די גאווערנער זעצט פאר צו פירן ניו יארק אין די ריכטיגע ריכטונג פאר אונזערע קינדער."

די גאווערנער'ס פארגעשלאגענע בילס צו האלטן קינדער זיכער פון ניי-ארויסשטייגנדע דראאונגען אויף סאָושעל מידיע און אנליין גיימינג פלאטפארמעס רעכענען אריין:

- **אויסברייטערן פעסטשטעלונג פון עלטער:** אויסברייטערן פאדערונגען פאר פלאטפארמעס צו פעסטשטעלן די עלטער פון באניצער, אריינרעכענענדיג אנליין גיימינג פלאטפארמעס.
- **פריוואטקייט אלס סטאנדארט:** קינדער וועלן זיין אנגעשטעלט צו די העכסטע פריוואטקייט אנשטעלונגען אויף געדעקטע פלאטפארמעסביים סטאנדארט, באדייטענדיג נישט-פארבינדענע קענען נישט שיקן מעסעדשעס פאר קינדער, זעהן זייער פראפייל אדער זיי טעגן אין קאנטענט. לאקאציע אנשטעלונגען וועלן זיין אויסגעלאשן לויט די סטאנדארט, און קינדער אונטער 13 מוזן באקומען עלטערן באשטעטיגונג פאר נייע פארבינדונגען.
- **אויסלעשן AI טשעט באָט פיטשעווקעס:** אויסלעשן געוויסע AI טשעט באָט פיטשעווקעס אויף סאָושעל מידיע פלאטפארמעס פאר קינדער.
- **פינאנציעלע אויפזיכט:** עלטערן מוזן האבן די מעגליכקייט צו ארויפלייגן באגרעניצונגען אויף קינדער'ס פינאנציעלע אקטיוויטעטן און קענען זעהן די היסטאריע פון באצאלונגען

די פארשלאג פון די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע בויט ארויף אויף גאווערנער Hochul'ס (האקול) אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס צווישן יונגווארג אריבער די סטעיט, האבנדיג אוועקגעשטעלט ניו יארק אלס א גלאבאלע פירערין ביים פארזיכערן א זיכערערע אנליין וועלט פאר קינדער. איניציאטיוון נעמען אריין:

- דער 'זיכער פאר קינדער געזעץ' (SAFE for Kids Act), וועלכע באגרעניצט אדיקטיווע פונקציעס פון סאָושעל מידיע פאר קינדער און שטעלט אוועק וויכטיגע נאציאנאלע פרעצעדענט איבער די פעסטשטעלונג פון די עלטער פון באניצער.
- דער קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ (Child Data Protection Act) וועלכע פארמיידט אנליין פירמעס פון זאמלען און מאכן געלט אויף קינדער'ס אינפארמאציע אן אינפארמירטע צושטימונג.
- א ביל איבער AI מאדעלן וועלכע זענען געמאכט צו באפריינדן מענטשן, וואקשטעלנדיג לאנד'ס-ערשטע זיכערהייט מאסנאמען, אריבערשיקנדיג באנוצער שמועסן איבערן זיך אליין ווי טוהן צו גייסטישע געזונטהייט הילפס-מיטלען און אפשטעלנדיג נישט געזונטע אדיקטיווע אויפפירונגען. די גאווערנער האט אויך פארבאטן AI-געשאפענע אדער ארומגעשפילטע מאטעריאלן פון סעקסועלע אביוז פון קינדער.
- די 'Unplug and Play' (אויסשאלטערן און שפילן) אגענדע וואס העלפט מוטיגן געזונטע געזעלשאפטליכע פארבינדונג און קינד אנטוויקלונג דורכן פינאנצירן געזעלשאפטליכע אינפראסטרוקטור, פיזישע פלעצער ווי שפיל ערטער, קאמיוניטי צענטערן און שווים באסיינען און אויסגעברייטערטע יונגווארג פראגראמען.
- ניו יארק'ס שטערונגען-פרייע קלאסצימערן פאליסי וואס ברענגט שוין יעצט רעזולטאטן מיט מער הצלחה ביים לערנען, פארבעסערטע וואוילזיין צווישן שילער און זיכערערע שולע [אטמאספערעס פאר שילער]().
- די ווארענונג לעיבעלס ביל וואס וועט פאדערן פון סאָושעל מידיע פירמעס צו ארויפלייגן ווארענונגען איבער די פלאטפארמע'ס פאטענציאלע ווירקונגען אויף די גייסטישע געזונטהייט.

**סטעיט סענאטאר Andrew Gounardes (ענדרו גונאַרדעס) האט געזאגט,** "די פשוט'ע אמת איז אז די אינטערנעט פלאטפארמעס וואו אונזערע קינדער פארברענגען אזויפיל פון זייער צייט ערפילן נישט

זייער פליכט צו האלטן די קינדער זיכער. אויב די גרויסע טעכנאלאגישע פירמעס נעמען נישט אונטער שריט, וועלן מיר דאס טוהן. דערפאר האב איך געקעמפט אזוי שווער צו אריבערפירן דעם 'זיכער פאר קינדער' געזעץ און קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ, און דערפאר דארפן מיר ארויפבויען אויף די הצלחות מיט די פארשלאגן. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן צוזאמרופן די וויכטיגע זיצונג."

**סטעיט סענאטארשע Samra Brouk (סאמרא ברוּק) האט געזאגט,** "אלס פארזיצערין פון די סענאט גייסטישע געזונטהייט קאמיטע (Mental Health Committee), אנערקען איך אז גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג איז א קריזיס אין ניו יארק סטעיט, און מיר דארפן זיך באנוצן מיט פארשונג-באזירטע לייזונגען צו העלפן אונזערע יונגע מענטשן אין נויט. גאווערנער Hochul'ס (האקול) באמיאונגען צו העלפן עלטערן באשיצן אונזערע יונגע מענטשן פון לאקערנדע פארשוינען, שווינדלער און שעדליכע AI 'טשעט באַטס' וועלן העלפן האלטן שילער זיכער בשעת'ן גיבן פריאריטעט פאר דאס לערנען און וואקסן."

**סטעיט סענאטארשע Kristen Gonzalez (קריסטין גאנזאלעז) האט געזאגט,** "דער היינטיגער דור פון קינדער שטייט אויס א פרעצעדענטלאזע סכנה פון ווערן אויסגענוצט צוליב שלעכטע סטאנדארטן פון גרויסע טעכנאלאגיע פירמעס. מיר זעהען איין נייעס קעפל נאכן אנדערע איבער טראגישע פעלער געשעהענדיג אלס רעזולטאט פון די אומרעגולירטע און אפט אומוויסנדע צוטריט פון קינדער צו AI 'טשעט באַטס', אדיקטיווע אינהאלט און אינפארמאציע אויסגראבנדע מיטלען. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו אריבערפירן בילס וועלכע שטעלן די זיכערהייט פון אונזער יונגווארג ערשט, בשעת'ן האלטן אינטערנעט פלאטפארמעס און טעכנאלאגיעס פאראנטווארטליך פאר זייערע אומזיכערע פיטשעווקעס."

**אסעמבלי מיטגליד Steve Otis (סטיוו אָטיס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור זענען געשטאנען אין שפיץ פון דאס לאנד ביים איינפירן פאליסיס צו באשיצן קינדער פון טעכנאלאגיעס וועלכע קענען שטערן, מאניפולירן, אויסנוצן אדער שאטן פאר זייער חינוך, וואוקס, פריוואטקייט און זעלבסטשטענדיגקייט. קינדער זענען באזונדערס עמפינדליך אין א וועלט וואו אינפארמאציע איבער מענטשן ווערט גרינג ארויסבאקומען דורך כסדר אנטוויקלנדע טעכנאלאגיעס. די גאווערנער'ס צוגעלייגטע שוץ מאסנאמען וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן דאס יאר זענען די קומענדיגע טריט פאראויס ביים באשיצן קינדער פון די סכנות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן